UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Siluetn/ Silhouettes

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0km152ng

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

Author
Asher Chuchinsky, Osher Shtshutshinski/

Publication Date
1981

Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אָשר שטשעטשינסקי / פלאָרידע

# סילועטן

ווייסע שניי-וואָלקנס אויפן מערב האָריזאָנט האָבן זיך באַוועגט ווי סילועטן פון מתים. סטאַניסלאַוו האָט צוגעכאַפּט די אויגן און געקוקט צום פערד, וואָס האָט טריט ביי טריט געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע פון צעגאַנגענעם שניי, געקוקט צום בלאָטיקן וועג.

סטאַניסלאַוו איז געווען צוגאַסט ביי זיין עלטסטן ברודער אין נאָענטן דאָרף. שוין וואָכן ווי ער האָט אים נישט געזען, איז ער געפאָרן זיך זען מיט אים און זיך צעשטרייען פון די אומעטיקע מחשבות וואָס מאַטערן אים. — מיין ברודער דאַרף שוין זיין אַ זיבעציקער — האָט ער צו זיך געטראַכט. — און אפשר נאָך מער. ער איז מיט זיבן יאָר עלטער פון מיר. ס'איז געווען נאָך אַ ברודער צווישן אונדז, איז ער אומגעקומען אין דער מלחמה מיט די באָלשעוויקעס. מיין ברודער האָט נישט ליב צו ריידן וועגן עלטער. אַלטע מענטשן האָבן נישט ליב צו ריידן וועגן יאָרן...

זיינע אויגן זיינען געפאַלן אויפן פאַרשנייטן יידישן בית-עולם. ער האָט דערזען די בערגלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון דער ערד און צוגעדעקט לעבנס, פאַרגאַנגענע לעבנס... אַן אומרו איז אים באַפאַלן. ער האָט דערזען די ווייסע סילועטן ווי זיי וואָלטן שוועבן איבער די פעלדער, ווי זיי וואָלטן זיך אַראָפּלאָזן פון די הויכן צום בית-עולם און זיך ציען צום וועג, צום שטעטל. ער האָט דערהערט אַן אויסגעצויגענעם הילך: „סטאַך, סטאַך", ווי מען וואָלט אים רופן.

פלוצלונג איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אפשר איז העלענע אַוועק אַזוי גיך פון דער וועלט, ווייל ער וווינט אין אַ פרעמדער הויז... נישט איין מאָל האָט העלענע דאָס איבערגערעדט און דערמאָנט מיט באַדויער און ווייטיק די פריערדיקע בעלי-בתים...

אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר די לעצטע פופציק יאָר איז אים אין איין מינוט צוריקגעקומען אין געדאַנק ביים דורכפאָרן דעם האַלב-צעשטערטן בית-עולם פון שטעטל מיט די אַראָפּגעריסענע שטעכיקע דראָטן. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די שלייפן פון קאָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך שפּאַלטן, ווי קלעפּקעס פון אַ צעטריקנט פּאַס... ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אַראָפּצוגיין פון וואָגן, זיך זעצן אויף די קני און שרייען, שרייען...

* * * * *

סטאַניסלאַוו אָלשעווסקי האָט זיך אין גאַנצן געענדערט זינט ער האָט איבערגעלעבט יענע שרעק ביים דורכפאָרן דעם יידישן בית-עולם, אַ שטייפקייט, אַ מאַסע, ווי עפּעס וואָלט געדריקט אין זיין מוח... ער האָט זיך מער פון דעם געפיל נישט געקענט באַפרייען. דער רעדעוודיקער סטאַך איז פאַרשטומט געוואָרן, פאַרגליווערט געוואָרן אין זיינע טראַכטענישן...

* * * * *

דער אַלטער סטאַך געדענקט זייער גוט די יידן פון שטעטל, ער געדענקט אַ סך ביי די נעמען. ער געדענקט ווי דאָס שטעטל האָט אויסגעקוקט מיט יאָרן צוריק. ער געדענקט די מאַרק-טעג. ער האָט דאָך געוווינט ביים אַריינפאָר צום שטעטל. ער געדענקט זרחן ביי וועמען מען האָט איינגעקויפט די פלעשער שנאַפּס און שליוואַק צו זיין חתונה. ער געדענקט די שמידן, צוויי ברידער, ביי וועמען זיין שווער האָט באַשטעלט פאַר אים אַ נייעם וואָגן. איין מאָל האָט ער געזען דעם רב פון שטעטל מיט דער ברייטער שוואַרץ-גרויער באָרד און האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט פאַרגעסן זיין הויכן שטערן און ליכטיקן פּנים. נאָך מער פון אַלע קען ער נישט פאַרגעסן שמואל דעם שניידער, וואָס האָט גענייט זיין חתונה אנצוג... שמואל דער שניידער מיט די שמייכלענדיקע קלוגע אויגן. — סטאַך, האָסט אַ שיינע כלה — האָט ער אים געזאָגט.

פלוצלונג האָט סטאַך דערזען, אַז ער פאָרט פאַרביי דעם יידישן בית-עולם. ער האָט דערהערט ווי מען רופט אים. ס'האָט אָפּגעהילכט זיין נאָמען — סטאַך, סטאַאַך! האָט אַ הילך געטאָן שטאַרקער, ווי דער

קול וואָלט זיך דערנענטערט. אויפן צעטראָטענעם בית־עולם מיט צעריסענע, שטעכיקע דראָטן האָט ער דערזען יידן... מאָטקע דער שניט־סוחר, די שמידן, שמואל דער שניידער, נאָך... נאָך... יידן פון שטעטל. אַ קעלט איז אַדורך זיין גאַנצן גוף. — „איך וווין אין שמואל דעם שניידערס היים... ער האָט גענייט מיין חתונה־אנצוג״ — סטאַניסלאַוו אָלשעווסקי האָט דערזען ווי שמואל דער שניידער שאַרט זיך אַדורך די שטעכיקע דראָטן און גייט צום בריקל פון דער הינטערשטער פירהויז, ווי ער עפנט אָן שווועריקייטן די קיך־טיר און שאַרט זיך אַריין אין צימער ווו ער שלאָפט. סטאַך האָט אים דערזען אין ווינקל פון צימער און זיך פאַנאַנדערגעשריגן מיט באַנומענע קולות:

— שמואלקע, שמואלקע, איך בין דאָס נישט געווען... איך האָב קיינעם נישט געהרגעט. איך וווין דאָ ווייל אונדזער שטוב האָט אָפּגעברענט... ווי קומסטו דאָ? שטייסט אין ווינקל, איך זע דיך, דו ביסט דאָ... זיי האָבן דיך דערהרגעט. וואָס האַלטסטו אין דער האַנט? אַ חלף? דעם חלף מיט וועלכן דער שוחט פלעגט שחטן אין בוינע... איך האָב דאָך געזען... מיר האָבן דאָך געוווינט ביים אַריינפאָר צום שטעטל...

סטאַך האָט דערזען ווי שמואל דער שניידער דערנענטערט זיך צו אים און האָט אָנגעהויבן קוויטשען: „געוואַלד! געוואַלד, ראַטויצע!״

דער זון און זיין ווייב מאַינקע האָבן זיך אויפגעכאַפּט און דערשראָקענע געלאָפן צום טאַטנס צימער. דער אַלטער סטאַך איז געלעגן אַ צעשויבערטער מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן, געקוקט צום ווינקל און שווער געאָטעמט:

— טאַטע! — האָבן ביידע אַרויסגערעדט מיט איין מאָל — טאַטע, וואָס איז געשען? מען איז געגאַנגען גנבענען?

דער אַלטער האָט זיי אַ ווײלע אַ שווייגנדיקער אָנגעקוקט.

— טאַטושי! וואָס איז געשען?

דער אַלטער האָט פאַרמאַכט די אויגן פאַר שרעק. — איר זעט ניט? איר זעט נישט?... אין ווינקל, אין ווינקל דאָרטן... שמואלקע, שמואלקע מיט אַ חלף... סטאַשעק! ראַטעווע! ראַטעווע מיך, ראַטעווע זיך, דיינע קינדער. מיר וועלן דאָ אַלע אומקומען... הער וואָס ער זאָגט, אַז מיר האָבן אים געהרגעט און געיירשנט... הערט: „גייט אַרויס פון מיין היים! אַרויס! אַלע! ס'איז אַ ירושה פון מיין טאַטן. ער האָט זיין לעבן אַריינגעלייגט אין דער שטוב!״

סטאַניסלאַוון האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז שמואל דער שניידער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט עפּעס געזוכט און פּלוצלונג אויסגעשריגן: — ווו איז מיין שניידערטיש? ווו איז מיין שער?

— סטאַך, מיין זון, ראַטעווע זיך, נעם מיך מיט. איך וויל דאָ מער נישט וווינען. ס'איז זיין היים.״

— איך האָב אַלע יאָרן גענייט פאַר דיין טאַטן די ווינטער־פוטערס, דיינע בורקעס. איך האָב גענייט דיין חתונה־אנצוג, פאַר וועלכן דיין טאַטע האָט נאָך נישט באַצאָלט. איצט האָסטו פאַרכאַפּט מיין היים. אַרויס! אַרויס!

דורך די שמוציקע שויבן פון פענצטער האָט אַ לייכט געטאָן אַ שטאַרקער בליאַסק. ס'האָט אַ בליץ געטאָן, ווי דער עכאָ פון דונער האָט זיך דערהערט אַ שאַרף שניידיקער קול: „מיר וועלן אייך קיין מאָל נישט מוחל זיין!״

דער אַלטער אָלשעווסקי האָט אַ וואַנזיניקער אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע אָדערדיקע הענט די פאַרבליבענע גרויע האָר אויף זיין קאָפּ, האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די קני און שטיל געמורמלט: „זיי מוחל, זיי מוחל, שמואלקע!״

דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז שוין געווען אַרויס, די עלטערע אין הויזן, די יינגערע אין העמדלעך, צוגעדעקט מיט לייוונטענע האַנטעכער, אַלע האָבן זיי אָנגעקוקט אויפן ווינקל ווו סטאַניסלאַוו האָט געזען שמואל דעם שניידער. זיי האָבן אָנגעקוקט דעם אַלטן סטאַך מיט אויסגעגראַטשעטע אויגן און דערשטוינט געשוויגן.

דער אַלטער סטאַך האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, די צעשויבערטע האָר זיינען געשטאַנען ווי שטעכיקע נאָדלען ביי אַ יאָזש. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס. עס האָט אויסגעקוקט ווי ער גייט פאַלן. נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געלאָפן צו דער פאָדערשטער טיר פון שמואל דעם